13/6094
01-B9236



ל. טאָלסטאָי

# דריי בערן

צייכענונגען — מ. גלוכאָוו



קינדער־פאַרלאַג 1934

פון רוסיש — ב. שלכטמאַ

PRIN ... S.S.R.
13/6094



א מיידעלע איז אוועקגעגאנגענ פונדערהיימ אינ וואלד. אינ וואלד האָט זי פאַרבלאָנדזעט אונ האָט גענומענ זוכנ דעמ וועג אהיימ, זי אָבער האָט ניט געפונענ אונ איז אָנגעקומענ אינ וואלד צו א הייזל.

די טיר איז געשטאנענ אָפנ. זי האָט ארײנגעקוקט אינ טיר, זעט זי: אינעמ הייזל איז קײנער ניטאָ, איז זי ארײנגעגאנגענ. אינעמ דאָזיקנ הייזל האָבנ געוווינט דריי בערנ. איינ בער איז געווענ דער פאָטער,

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו



מע האָט אימ גערופנ מיכאיל איוואנאָוויטש. ער איז געווענ א גרויסער אונ א פאטלאָטער. דער צווייטער איז געווענ א בעריכע. זי איז געווענ עטוואָס קלענער אונ גערופנ האָט מענ זי נאסטאסיע פעטראָוונע. דער דריטער איז געווענ א קליינ בערעלע אונ גערופנ האָט מענ עס מישוט־קע. די בערנ זיינענ אינדערהיימ ניט געווענ,—זיי זיינענ אוועקגעגאנגענ אינ וואלד שפאצירנ.



אינעמ הייזל זיינענ געווענ צוויי צימערנ: איינער אנ עס־צימער דער צווייטער א שלאָפ־צימער. דאָס מיידעלע איז אריינגעגאנגענ אינעמ עס־צימער אונ דערזענ אפנ טיש דריי שיסלענ מיט זופ. די ערשטע שיסל, זייער א גרויסע, איז געווענ מיכאיל איוואנאָוויטשעס. די צווייטע שיסל, די קלענערע, איז געווענ נאסטאסיע פעטראָוונעס. די דריטע, א בלויינק שיסעלע, איז געווענ מישוטקעס. לעבנ יעדער שיסל איז געלעגנ א לעפל: א גרויסער, א מיטלמעסיקער אונ א קליינער.

דאָס מיידעלע האָט גענומענ דעמ סאמע גרעסטנ לעפל אונ האָט א זופ געטאָנ פונ דער סאמע גרעסטער שיסל; דערנאָכ האָט זי גענומענ דעמ מיטלמעסיקנ לעפל אונ א זופ געטאָנ פונ דער מיטלמעסיקער שיסל; דערנאָכ האָט זי גענומענ דאָס קליינע לעפעלע אונ א זופ געטאָנ פונעמ בלויינקנ שיסעלע, אונ מישוטקעס זופ האָט איר געדוכט איז בעסער פונ אלע.

דאָס מיידעלע האָט זיכ געוואָלט זעצנ, זעט זי, באמ טיש שטייענ דריי בענקלעכ: איינס א גרויס,—מיכאיל איוואנאָוויטשעס, דאָס צווייטע,



עטוואָס קלענער—נאסטאסיע פעטראָוונעס. און דאָס דריטע, א קליינס, מיט א בלוי קישעלע—מישוטקעס. זי איז ארופגעטראָכנ אפנ גרויסנ בענקל אונ איז אראָפגעפאלנ; דערנאָכ האָט זי זיכ געזעצט אפנ מיטלמעסיקנ בענקל—איז אפ דעמ ניט געווענ באקוועמ צו זיצנ; דערנאָכ האָט זי זיכ געזעצט אפנ קליינעמ בענקעלע אונ האָט זיכ צעלאכט—אזוי גוט איז געווענ. זי האָט גענומענ דאָס בלויענק שיסעלע אפ די קני אונ אָנגעהויבנ עסנ. זי האָט אופגעגעסנ דעמ גאנצנ זופ אונ זיכ גענומענ הוידענ אפנ בענקל.

אינעמ בענקעלע האָט זיכ דורכגעבראָכנ א לאָכ, אונ זי איז אראָפ-געפאלנ אפנ דיל. זי איז אופגעשטאנענ, האָט אופגעהויבנ דאָס בענקעלע אונ איז אוועקגעגאנ אינ צווייטנ צימער. דאָרט זיינענ געשטאנענ דריי בעטנ: איינס א גרויס,—מיכאיל איוואנאָוויטשעס, דאָס צווייטע א מיטל-מעסיקס—נאסטאסיע פעטראָוונעס, דאָס דריטע א קליינס—מישוטקעס.



דאָס מײדעלע האָט זיכ געלײגט אינ דעמ גרויסנ—איז געווענ צו גערוימ, האָט זיכ געלײגט אינ דעמ מיטלמעסיקנ—איז געווענ צו הויכ' האָט זיכ געלײגט אינ דעמ קלײנעמ—איז דאָס בעטעלע איר געווענ פונקט צו דער מאָס, אונ זי איז אנטשלאָפנ געוואָרנ



אונ די בערנ זיינענ געקומענ אהיים הונגעריקע אונ האָבנ געוואָלט עסנ. דער גרויסער בער האָט גענומענ זיינ שיסל, א קוק געטאָנ אונ זיכ צערעוועט אפ א שרעקלעכ קאָל:

## — ווער האָט געזופּט פונ מיינ שיסל?

נאסטאסיע פּעטראָוונע האָט א קוק געטאָנ אפ איר שיסל אונ האָט זיכ צעבּרילט שוינ ניט אזוי הויכ:

### — ווער האָט געזופּט פונ מיינ שיסל?

אונ מישוטקע האָט דערזענ זיינ ליידיק שיסעלע אונ זיכ צעפּישטשעט מיט א דינ קעלכל:

— ווער האָט געזופּט פונ מיינ שיסל אונ אינגאנצנ אויסגעזופּט?



מיכאיל איוואנאָוויטש האָט א סוק געטאָן אפ זיין בענקל און זיך צערעוועט אפ א שרעקלעכ קאָל:

**— ווער איז געזעסן אפ מיין בענקל און עס אָפּגערוקט פונעם אָרט?**

נאסטאסיע פעטראָוונע האָט א קוק געטאָן אפ איר בענקל און האָט זיך צעבּרילט שוין ניט אזוי הויכ:

— ווער איז געזעסן אפ מיין בענקל און עס אָפּגע־דוקט פונעם אָרט?

מישוטקע האָט א קוק געטאָן אפ זיין צעבּראָכן בענקעלע און זיך צעפּישטשעט:

— ווער איז געזעסן אפ מיין בענקל און עס צעבּראָכן?



די בערנ זײנענ ארײנגעקומענ אינעם צװײטנ צימער.

— װער האָט זיך געלײגט אפ מײנ בעט און עס צעקנײטשט? —

האָט מיכאיל איװאנאָװיטש זיך צערעװעט אפ א שרעקלעכ קאָל.

— װער האָט זיך געלײגט אפ מײנ געלעגער און עס צעװאָרפנ? —

האָט נאסטאסיע פעטראָװנע זיך צעברילט שױנ ניט אזױ הױך.



און מישוטקע האָט צוגעשטעלט דאָס בענקעלע, ארופגעקראָכן אפ זײַן בעטל און האָט זיך צעפּישטשעט מיט א דינ קעלכל:

— ווער האָט זיך געלייגט אפ מײַן געלעגער?

און פּלוצלינג האָט ער דערזען דאָס מיידעלע און זיך אזוי צעקווי־טשעט, גלײַך ווי מע וואָלט אים געקוילעט מיט א מעסער.

— אָט ווער! כאַפּט זי! כאַפּט זי! דאָס איז זי! דאָס איז זי!

— איי, איי, איי. כאַפּט זי!



ער האָט זי געוואָלט א בּיס טאָנ. דאָס מיידעלע האָט אופגעמאכט די אויגנ, דערזענ די בּערנ אונ זיכ א וואַרפ געטאָנ צום פענצטער. דאָס פענצטער איז געווענ אָפנ, זי איז ארויסגעשפרונגענ אונ איז אנטלאָפנ. אונ די בּערנ האָבנ זי ניט דעריאָגט.

פרייז 60 קאָפ.



Л. ТОЛСТОЙ

**ТРИ ВЕДМЕДІ**

ДИТВИДАВ

רעדאקטער—אי. גרינזייד
טעכרעדאקטער—יא. אַלמאנ
קאָרעקטער—ראכליס

דרוקעריי א״נ לענינ, קינדער-פארלאג. אָדעס. פושקינ־גאס 18. בעגנטליט נומ. 759. באפולמעכטיקטער פונ הויפטליט נומ. 2237. באשטעלונג נומ. 822. טיראזש 3000. דרוקבויגנס 1, פאפיר 110x72. אָפּגעגעבנ אינ זאצ—12 יונ. אונטערגעשריבנ צום דרוק—10 אויג. אָרדנטלעכער נומ. פונ פארלאג—74